# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **תולדות - ויצא** תשפ"ג ◆ עלון מס': **102**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### צוויי איינגעשטעלטע אין איין פלאץ - וואס איז דער חילוק?

א חלק פון דער מידת הבטחון איז צו גלייבן אין שכר ועונש, א איד דארף גלייבן אז ווען ער טוט א מצוה איז אנגעגרייט פאר אים א שכר אויף יענער וועלט.

מיר ווייסן אז עס קומט אונז נישט גארנישט. מיר זענען נישט ווערד די שכר וואס מיר גייען באקומען לעולם הבא, אבער מיר גלייבן אז מיר גייען עס באקומען, ווייל אזוי האט השי"ת אונז צוגעזאגט. ער האט אונז מבטיח געווען אז מיר גייען באקומען שכר אויף יענער וועלט פאר די גוטע מעשים וואס מיר מאכן אויף די וועלט.

נישט נאר גייען מיר באקומען שכר, נאר עס איז אנגעגרייט א ספעציעלער שכר פאר א מצוה וואס קומט אן שווער. ווי מער יגיעה א איד האט אריינגעלייגט אין די מצוה, אלץ גרעסער וועט דער שכר זיין.

עס איז דא אידן וואס השי"ת האט זיי אויסגעוועלט פון אנדערע, ער גייט זיי געבן א ספעציעלער שכר און דער רבי רעדט זיי פון אין חובת הלבבות ביים ענדע פון שער רביעי. דער רבי זאגט אז זיי זענען פון די אויסדערוועלטע אידן פון די בריאה און זיי וועלן זוכה זיין צו א ספעציעלער שכר אויף די וועלט.

א איד אין דעם היינטיגן דור קען טראכטן צו זיך אז ער איז זיכער נישט פון די אויסדערוועלטע אידן אבער דער רבי געבט אָן א סימן ווי אזוי זעט מען אויף איינעם אז ער געהער יא צו די חדר פון די ספעציעלע אידן.

דער לשון וואס דער רבי נוצט דערפאר איז **ומסימני אנשי המעלה הגדולה הזאת, שיורו עבדי הבורא אל עבודת הבורא.**

דער סימן אז א איד געהער צו די ספעציעלע עובדי השם איז אז ער וועט מעורר זיין אנדערע אידן און זיי דערוועקן צו עבודת השם.

דער געדאנק קען מען פארשטיין מיט א משל צו צוויי אנדערע ארבעטער אין איין געשעפט. ביידע פון זיי זענען איינגעשטעלט און באקומען די זעלבע געהאלט אבער דאך איז דא א גרויסער חילוק צווישן זיי ביידע.

דער חילוק דערקענט נישט יעדער איינער, אבער ער איז דא. די חילוק כאפט אין די אינטערעסע וואס איינער ווייזט ארויס פאר די ארבעט, און דער צווייטער נישט. אינדערצייט וואס איינער איז דא נאר צו פארדינען זיין געלט און אָפּענדיגן זיין ארבעט און אויסער זיינע פליכטן און זיינע געשעפטן גייט אים גארנישט אָן, געבט דער צווייטער א געפיל פאר'ן ארט.

אז דער צווייטער וועט זען אז איינער מאכט א טעות, אדער אז עס גיסט זיך אויס סחורה אויף די ערד, אדער אז איינער ברענגט אן א שאדן פאר דער פאבריק וועט ער גלייך איבערלאזן אלע אנדערע זאכן און זיך אומקוקן אויף די זאך, אין דער צייט ווען דער צווייטער וועט בלייבן קאלט און גלייכגילטיג, זאגנדיג אז ער טוט וואס ער דארף טון און מער ווי דעם אינטערעסירט אים נישט עפעס אנדערש.

אן ארבעטער וואס לייגט אריין הארץ אין די ארבעט איז א ברכה פאר דער ביזנעס און להבדיל איז די זעלבע ביי עבודת השם. א איד וואס עס גייט אים אן פון דער באשעפער'ס וועלט, ער וויל אז השי"ת זאל האבן א נחת רוח פון די וועלט, איז א איד וואס דינט השי"ת מיט הארץ און פאסט זיך אריין אין די קאטעגאריע פון אידן עובדי השם וואס זענען די דערוועלטע פון השי"ת.

ביי אסאך מענטשן זעט עס אויס א גרויסער זאך. ער מיינט אז נאר א משפיע מאכן א טויש אין די וועלט, אבער עס איז א טעות. אויך מיר, די קליינע מענטשן, קענען פארבעסערן די וועלט.

צומאל איז עס מיט א קלייניגקייט. אז מען האלט אינמיטן דאווענען און איינער רעדט און מיר ווייזן אים אויפ'ן מויל אז מען זאל זיין שטיל, ווייל עס איז נישט קיין כבוד אז מען רעדט אין א שול, אדער אז מיר זעען ווי איינער כאפט אפ א ברכה און נעקסטע מאל ווען מען זעט אז ער גייט מאכן א ברכה גייט מען צו אים און מען בעט אים אז ער זאל מאכן די ברכה הויך און קלאר, ווייל מיר ווילן ענטפערן אויף איר אמן.

די דערמאנטע ביישפילן זענען קלייניגקייטן אבער די איינפלוס וואס עס האט איז אויסטערליש גרויס. אזא איד וואס מאכט שנעל ברכות קען דורכדעם באקומען א געשמאק אין מאכן שיינע און רואיגע ברכות. מיט די קלייניגקייטן קען מען מאכן א טויש אין דער וועלט און זוכה זיין זיך צו ציילן אויף די דערוועלטע פון השי"ת און זוכה זיין צו די סגולות וואס עס ברענגט מיט זיך.

[ארויסגענומען פון שיעור 206 אין שער הבטחון - צו הערן דער שיעור דרוקט נומער 4 נאכ'ן אויסוועלן די שפראך]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א היסטארישער אויפדעקונג

שטעלט ענק פאר אויב אין א העלן טאג וועט מען אין אן אלטער הייל אנטדעקן אן ארגינעלער כתב יד פון א ראשון וואס האט געלעבט פאר טויזנט יאר צוריק.

אין דער כתב יד וועט שטיין אויפגעשריבן אז ווער עס וועט שטענדיג ארומגיין מיט א קמיע אויף זיין האלז, וואס איז געמאכט פון א שטיין וואס איז אויסגעהאקט פון די בארג סיני און אויפ'ן ספעציעלן שטיין וועט זיין אויסגעקריצט די ווערטער 'פותח את ידך', וועט ער זיין פארזיכערט מיט פרנסה בהרחבה און בדרך כבוד אויף א גאנץ לעבן.

ווער וועט נישט וועלן טראגן אזא קמיע? עס וועט נישט זיין קיין איין מענטש אויף די ערד־קוגל וואס וועט זיך נישט איינהאנדלען אזא קמיע. יעדער פרישער פארפאלק וועט באקומען אזא קמיע צו די חתונה.

די קמיע וועט קאסטן טייער געלט, אבער נישט גע'דאגה'ט, ווייל איינמאל מען האט די קמיע, האט מען אויך די געלט צו באצאלן די קמיע...

און וואס וועט איר זאגן אז אזא קמיע עקזיסטירט שוין.

ניין! מען רעדט נישט פון קיין שטיין! מען רעדט נישט פון אן אויסגעקריצטער אויפשריפט, מען רעדט פון א ברכה וואס דער חינוך ברענגט אראפ אין פרשת עקב [מצוה ת"ל].

און דאס זענען זיינע הייליגע ווערטער איבערגעטייטשט אויף אידיש:

"אזוי האב איך מקבל געווען פון מיינע רבי"ס. אז ווער עס איז זהיר אין ברכת המזון וועלן זיינע מזונות זיין מצוי פאר אים בדרך כבוד, פאר זיין גאנצער לעבן".

דער חינוך ברענגט דא אראפ א קבלה וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי"ס. עס איז א סגולה! און עס איז אן אלטע סגולה. דער חינוך האט עס מקבל געווען פון זיינע רבי"ס און עס איז א הבטחה און די הבטחה איז אויף א גאנץ לעבן.

פאר אונז איז עס גענוג, אז א ראשון זאגט אונז אז ער האט אזא קבלה, דארפן מיר נישט מער, אבער דאך ווילן מיר דא אראפברענגען א קורצער מעשה וואס א איד האט אונז דערציילט בנוגע די סגולה.

דער איד דערציילט אז ער האט מיטגעמאכט זייער שווערע צייטן, ער איז געווען געדרוקט אין פרנסה, עס איז אים געווען ענג און ער האט נישט געזען קיין שום וועג ארויס פון דעם.

"אין א טאג ווען איך האב אויסגעהערט די השגחה פרטית האטליניע און איך האב געהערט רעדן וועגן ברכת המזון, האב איך באשלאסן אז איך גיי עס אויספראבירן".

"איך וועל דיר זאגן דער אמת", דערציילט דער איד.

"איידער איך האב געוואוסט פון די סגולה איז אריבער אסאך טעג וואס איך האב זיך פשוט נישט געוואשן אויף ברויט. די פוילקייט פון מקיים זיין די מצוה פון נטילת ידים און ברכת המזון האט מיר אפגעהאלטן, אבער נאכדעם וואס איך האב געהערט די סגולה, האב איך זיך געטוישט. איך האב זיך אנגעהויבן וואשן צוויי מאל א טאג און נאכ'ן עסן האב איך געבענטשט ברכת המזון צוויי מאל א טאג, פון א סידור, מיט גרויס כוונה".

און עס האט נישט געדויערט לאנג. דער טויש איז געקומען צו גיין שנעלער און גרינגער ווי איך האב זיך געקענט פארשטעלן. פון יענעם טאג אן האבן זיך מיר געעפענט די שערי הפרנסה און נישט נאר איז ברוך השם דא פרנסה, נאר עס איז אויך דא בדרך כבוד.

דער איד פירט אויס אז מען זאל איבערגעבן די מעשה ווייטער, אז אויך אנדערע זאלן זיך קענען אפלערנען פון דעם און געניסן פון די געוואלדיגע סגולה.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

**וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין**

## א 'חסד' פאר א איד - דאס קען איך טון

צווישן די איידעלע און באַחנ'טע געשעפטן אין ירושלים עיה"ק איז געווען דער באַרימטער עלעקטעריק געשעפט פון הרה"ח ר' משה שטערן זצ"ל מחשובי חסידי תולדות אהרן.

טאג טעגליך האט מען געקענט צוזען דער לעכטיגער ספעקטאל ווי מיט זיין ירושלימ'ער לבוש און א ספר אין די הענט איז ר' משה געשטאנען אין געשעפט און זיך אפגעגעבן מיט אידן וואס דארפן האבן וואש־מאשינען, טרוקן־מאשין, פריזשידערס און פריזערס.

יעדער רגע איז געווען ביי אים אויסגערעכנט. צווישן איין קליענט און דעם צווייטן האט ער אריינגעכאפט נאך א ווארט פון די הייליגע תורה, אביסל חיי נצח, וואס וועט אים באגלייטן בזה ובבא.

אויסער וואס ער פלעגט זיך אפגעבן מיט'ן פארקויפן די פראדוקטן איז ער אויך געווען אן עקספערט אין די מאשינען. זייטיג צו די פארקויפערײ האט ער אויך אנגענומען צו פאררעכטן מאשינען וואס זענען קאליע געווארן און האבן געווארט אז מען זאל זיי צוריקשטעלן אין פלאץ.

א פרעמדער וואס איז אריינגעקומען אין געשעפט האט געקענט מיינען אז מען רעדט דא פון א בטלן, פון א איד, וואס אויסער זיצן איבער א ספר, ווייסט ער נישט און ער פארשטייט נישט אין די מאשינען, אבער אין די רגע, וואס ער האט אויפגעהויבן די אויגן פון דעם ספר און האט זיך אריינגעלאזט אין א שמועס מיט'ן קליענט האט מען געטוישט די מיינונג איבער אים, מען האט אנערקענט אז עס שטייט דא פאר אונז איינער פון די גרויסע מומחים אין אלע זאכן וואס געהערן צו עלעקטערישע געצייג.

אויך פון די פרעמדע גאס זענען אריינגעקומען קונדן, און פון צייט צו צייט פלעגן זיי פארלייגן פאר ר' משה אז ער זאל אריינלייגן געלט און כח אין זיך אדווערטייזן.

"איר געבט אן אויסטערלישע סערוויס. אז איר וועט עס אדווערטייזן וועט איר האבן אסאך מער קונים און פארדינען אסאך מער געלט", האבן זיי זיך גע'טענה'ט מיט אים.

אבער ער האט נישט געוואלט הערן פון דעם.

"פרנסה איז פון הימל", האט ער געזאגט און פלעגט פארשיקן פון דארט אלע סארטן אדווערטייזער.

עס איז געווען איין פרייטאג מיטאג ווען דער טעלעפאן אין געשעפט פון ר' משה האט זיך צוקלונגען.

"איך דארף וויכטיג א טעכניקער וואס קען פאררעכטען א פרידזשידער. צי קענט איר קומען?"מיר ארבעטן נישט פרייטאג", האט ר' משה געזאגט.

"אבער איך מוז עס האבן פאר שבת, איך וועל דיר צאלן דאפלעט ווי געווענליך", האט דער מענטש געזאגט.

ר' משה זעענדיג אז דער איד איז געענגט האט ער אים געפרעגט וואו ער וואוינט.

"איך וואוין אין די געגענט פון רחביה".

"און דארט איז נישט דא קיין עלעקטערישענס וואס קענען פאררעכטען פרידזשידערס"? האט ר' משה געוואלט וויסן.

"ניין. איך האב שוין פראבירט יעדן. פארשטייי מיר, אז דו קומסט נישט, האב איך נישט קיין פרידזשידער אויף שבת, איך בעט דיר".

זעענדיג אז ביי דער איד איז עס ממש דרינגענד און ער דארף עס פאר שבת, האט ר' משה געבעטן פון דעם אז ער זאל אים געבן זיין אדרעס, און ער האט גענומען א טעקסי און איז אהינגעפארן צום שטוב פון דער איד.

ווען ער איז אנגעקומען צום שטוב פון דער איד און מען האט געעפענט דער טיר און געזען אז עס שטייט דארט א איד פון מאה שערים מיט א ווייסע קאפל אויפ'ן קאפ, איז דער איד געבליבן שטיין פארוואונדערט. וואס פארשטייט ער אין עלעקטריקס? האט זיך דער איד געוואונדערט, אבער ווען ר' משה האט זיך אראפגעלייגט אויף די ערד און זיך גענומען צו די מלאכה, האט ער שנעלערהייט צוריקגעצויגן פון זיין ערשטע

## שפע פון אלע זייטן

עס דערציילט הרה"ח ר' מרדכי מלאכי שליט"א:

אין די ישיבה וואו איך בין איינגעשטעלט איז פאר יארן לאנג געווען דארט איינגעשטעלט א איד מיט'ן נאמען הרה"ג ר' יוסף ישראל לעווי שליט"א.

ר' יוסף ישראל איז א באַרימטער תלמיד חכם און מיט די יארן האבן מיר זיך אנגעקניפט א גוטער קשר און מיר פלעגן זיך אויסשמועסן מערערע זאכן און אינאיינעם האבן מיר זיך געהאלפן, ווען איך טייל אים מיט מיין לאנגיעריגע עקספירענעס אין די פעלד פון חינוך.

נאך יארן וואס מיר האבן זיך נישט געזען, באקום איך איין טאג א טעלעפאן קאלל פון אים. איבריג צו זאגן אז איך האב זיך זייער געפריידט צו הערן זיין קול אבער ער האט דאך נישט גערופן וועגן דעם, ער האט מיר געבעטן אז ער וויל זיך טרעפן מיט מיר, ווייל ער וויל זיך דורכשמועסן מיט מיר א נושא.

מיר האבן באשטימט א צייט וואס איז באקוועם פאר ביידן און מיר האבן זיך באגעגענט. נאכ'ן אויסטוישן געציילטע ווערטער איז ער אנגעקומען צום ענין.

"פאר יארן לאנג ארבעט איך שוין איינגעשטעלט אין א געוויסער תלמוד תורה און איך באקום דארט מיין געהאלט. דער אפיצילער ארבעט וואס איך האב איז אז איך דער מלמד אין כיתה ג' אבער אויסערדעם האב איך אויך א לאנגע רייע פון זייטיגע ארבעט. אין די מיטאג שעה'ן געב איך אכטונג אויף די קינדער און אויסערדעם האב איך נאך א לאנגע רייע פון קלענערע און זייטיגע ארבעט, ווען דער סך הכל איז אז איך קום אן טעגליך צו ארבעטן אכט שעה א טאג און שפעטער גיי איך אהיים און ביינאכט האב איך א חברותא, ווי מיר לערנען דורך עטליכע שעה שיינע סוגיות".

ר' יוסף איז ממשיך מיט זיין שמועס ווען ער וויל אנקומען צו די נושא: די יארן לויפן. מיט די יארן זאמעלט מען זיך אן זייער אסאך עקספירענעס. די חושים ווערן אויסגעשארפט. מען ווייסט ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט קינדער און דער מוסד שעצט די ארבעט.

ענדליך קומט ער אן צו די נושא:

"איך וואלט געוואלט הערן פון דיר אן עצה ווי אזוי קען איך בעטן א העכערונג פון דער מנהל? איך גלייב אז עס קומט מיר און אויסערדעם, ווייסטו דאך, איך ווער עלטער און איך דארף חתונה מאכן די קינדער".

"וויפיל באקומסטו ביז היינט"?"מיין היינטיגער געהאלט שטייט אויף 12,000 שקל".

איך בין געווען אביסל שאקירט. עס איז זייער א שיינער געהאלט. אויף וויפיל איך ווייס איז כמעט נישט בנמצא א מלמד וואס פארדינט אזוי שיין. איך בין אים מציע אז איידער ער בעט א העכערונג, זאל ער מברר זיין די געהאלט אין גאס, וויפיל אנדערע מלמדים פארדינען.

מיר פוילן זיך נישט. מען הייבט אויף טעלעפאנען און מען איז מברר ביי עטליכע מלמדים און עס שטעלט זיך ארויס איך בין געווען גערעכט. זיין פארדינסט איז לכולי עלמא א שיינער געהאלט.

"דו דארפסט מאכן א שטיקל סעודת הודאה", זאג איך אים.

איינמאל די נושא איז אראפ פון טיש האבן מיר אריינגעגליטשט צו רעדן פון די צווייטע נושא.

"זאג מיר", בעט איך אים.

"דו געבסט מעשר געלט"?"זיכער".

ר' ישראל יוסף לייגט צו אז ער געבט א 'חומש' און באטאנט אז ער האט אנגעהויבן מיט דעם נאך אין די יונגע יארן און אזוי ארום איז עס געבליבן איינגעבאקן אין זיינע ביינער.

"איך דארף אראפגעבן א חודש צוויי טויזנט פיר הונדערט שקל פון מיין געהאלט, עס איז א גרויסער סומע, אבער ווען מען איז צוגעוואוינט




דערצו, שפירט מען עס שוין נישט".
"און דו זעסט סייעתא דשמיא פון דעם"? פרעג איך אים און כ'לייג צו דערביי אז איך זעה פאר מיר א מורא'דיגער זאך. פון איין זייט ארבעט ער זייער ווייניג, אבער מצד שני, פארדינט ער שענער ווי אסאך אנדערע. עס קען נישט זיין אנדערש ווי אז מען שיקט אים אריין א ברכה פון הימל.
מיר האבן נאך פארברענגט א שטיק צייט. ווי לענגער דער שמועס איז געווארן און ווי טיפער עס איז געווען זענען מירביידע אנגעקומען צו די מסקנא, אז ווען עס קומט צו השתדלות וועט זיך עס ווענדן ווי שטארק דער בטחון פון דעם מענטש וועט זיין.
אז מען האט אסאך בטחון דארף מען מאכן ווייניג השתדלות און אז מען האט ווייניג, מוטשעט מען זיך מער אויף פרנסה.
פון יענער שמועס איז אריבער א חודש צייט און ווידעראמאל איז יוסף געווען אויפ'ן ליניע.
ווי אזוי האסטו זיך מסדר געווען מיט דיין מנהל? האב איך געוואלט וויסן.
"איך האב אים געלאזט וויסן אז מער נעם איך נישט אן קיין אווערטיים דזשאבס. וואס עס איז באשערט קומט סייווי אן, עס איז א שאד זיך צו פלאגן מער".
אבער ר' יוסף האט געקלינגען ווייל ער האט מיר געהאט צו דערציילן א מעשה.
"אין די קומענדיגע וואכן גייט מיין טאטע בר־מצוה מאכן א קינד. עס רעדט זיך פון מיין יונגסטער ברודער. די התרגשות איז זייער גרויס אבער די טאשן זענען ליידיג. מיין טאטע איז שוין נישט יונג און אויס מורא, אז ער זאל זיך נישט נעמען די געלט־זאכן צום הארץ, האב איך באשלאסן אז איך גיי אים זוכן צו העלפן מיט וואס עס איז נאר שייך. וויסנדיג אז אויב איך וועל אים געבן געלט וועט ער עס נישט וועלן נעמען האב איך זיך בארעכענט אז איך האב א געדאנק.
איך האב מברר געווען ביי ווען מיין טאטע האט באשטעלט די תפילין. איך בין אריבער צו אים אין שטוב און אים געזאגט די בתים צאל איך, ער זאל זאגן פאר מיין טאטע אז די בתים איז שוין באצאלט, אז אן אנינאמער נדבן האט געזאגט אז ער נעמט אויף זיך די קאסטן. דער בתים־מאכער האט מסכים געווען, אבער איך האב נאכנישט געוואוסט פון וואו איך גיי עס באצאלן, ווען איך האב אויך נישט קיין איבריגע פרוטה אין טאש און זייענדיג אין א צייט ווען אלעס שטייגט".
איך האב אפגעמאכט מיט דער בתים מאכער אז ביז נאך יום טוב גיי איך אים באצאלן די געלט, ער האט מסכים געווען.
זייטיג צו דעם איז אויך אונטערגעקומען נאך שטוב הוצאות צו די בר מצוה. די קינדער אין שטוב האבן זיך געלאזט אויסשטאפירן פאר די בר מצוה מיט נייע קליידער און אויך די הוצאה, האב איך געדארפט טרעפן פון וואו צו באצאלן.
איך האב נישט קיין קרעדיט קארטעל אויף קרעדיט. מיין קארטעל איז באגרעניצט לויט וויפיל ריבית איך האב אין באנק. לויט מיין חשבון האט געדארפט זיין אין באנק די סומע פון 1500 שקל אבער ווען מיין בני בית האט עס אריבערגעפירט איז עס אריבער פאר מער.
דער זאך איז פאר מיר געווען א סיגנאל אז עס איז דא מער געלט אין באנק. איך האב אריינגעקלינגען אויסצוהערן די דעטאלן פון מיין אקאונט און עס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין ריכטיג, עס איז מיר אריין אין באנק געלט פון די רעגירונג, וואס איך האב באקומען אלץ שוואכער פארדינער.
אבער די מעשה האט נאך א המשך.
דערווייל האב איך שוין געהאט גענוג געלט צו באצאלן די אויסשטאפיר, אבער וואס וועט זיין מיט די געלט פאר די תפילין? אבער אויך דא האבן מיר געזען די עקסטערע השגחה העליונה.
נאך יארן לאנג וואס די תלמוד תורה, וואו איך ארבעט, איז מיר געווען שולדיג געלט, פאר א געוויסע ארבעט וואס איך האב געמאכט פאר זיי און עס האט זיך געשלעפט ווען איך בין זיך שוין כמעט מייאש, אז איך וועל נאכאמאל זען די געלט, האב זיי יענעם צופרי דעפאזיטירט די געלט אין מיין קאונטע.
עס האט זיך גערעדט פון צען טויזנט שקל, דאפלט וויפיל איך האב דערוואַרטערט פון זיי און דאפלט וויפיל עס האט געקאסט צו באצאלן די בתים פון מיין ברודער.

הנחה, איינזעענדיג אז ער איז א גרויסער מומחה.
א שטיק צייט האט ר' משה געארבעט און ווען ער האט געענדיגט די ארבעט, האט ער שטראלנדיגערהייט זיך אויפגעהויבן פון פלאץ און איינגעמאלדן פאר דער איד אז דער פרידזשידער ארבעט שוין.
"זאלסט האבן א לעכטיגער שבת", האט ר' משה אים אנגעווינטשן און איז געלאפן צום טיר אויפ'ן וועג אהיים.
"וואו גייט איר? איך האב אייך נאכנישט באצאלט"?אבער ר' משה האט אים אפגעזאגט.
"איך ארבעט נישט ערב שבת. איך בין נישט אהערגעקומען וועגן געלט".
"אבער איך האב אייך צוגעזאגט א דאפעלטער געהאלט".
"יא, אבער איך ארבעט נישט ערב שבת".
דער איד האט נישט געוואוסט ווי אזוי עס צו פארדרייען אבער ר' משה האט זיך געהאלטן ביי זיינס.
"פון אייערע ווערטער האב איך פארשטאנען אז איר זענט אין א נויט און איך בין אהערגעקומען אייך צו טון א טובה, אבער נישט ווייל איך וויל פון אייך געלט", האט ר' משה געזאגט און פארלאזט דעם ארט.
מיט די געלט אין די הענט איז דער איד געבליבן שטיין. ער האט זיך געשפירט אויסגעשפילט פון ביידע זייטן. ער האט געוואלט באצאלן דעם איד פאר די געלט, אבער דער איד וויל נישט נעמען.
טראכטנדיג אזוי וואס ער קען טון איז אים איינגעפאלן א געניאלער געדאנק ווי אזוי ער קען באצאלן פאר'ן איד פון מאה שערים. זייענדיג אן איינגעשטעלטער אין א לאקאלער צייטונג האט ער זיך געזעצט אפשרייבן אן ארטיקל אין די צייטונג און דערציילט די גאנצע מעשה.
אין דער ארטיקל האט ער געשילדערט דעם איד, זיין געשעפט און די באגלייבטקייט וואס ער האט ווען דער אויספיר איז אז ווער עס זוכט א באגלייבטער ארבעטער, אדער א באגלייבטער געשעפט, איז ר' משה דער אדרעס.
די ארטיקל האט געהאט א שטארקער אפקלאנג אין זיין געגענט. פון דעמאלטס און ווייטער האבן הונדערטע אידן פארפלייצט דער געשעפט, יעדער האט געוואוסט אז אים קען מען געטרויען.
ר' משה האט זיך ווייטער געהאלטן ביי זיינער אז ער לייגט נישט אריין קיין געלט אין אדווערטייזמענט, אבער פון הימל האט מען אים אונטערגעשיקט א גוטער שליח.

## דער 'שיכור' וואס האט געראטעוועט

איך האב ברוך השם זוכה געווען צו האבן עלטערע עלטערן.ביידע, סיי מיין טאטע און סיי מיין מאמע, גייען ברוך השם אן, אבער פון צייט צו צייט, ווען זיי דארפן מיר האבן, מאך איך זיכער צו זיין דארט פאר זיי.
עס איז געווען אין די טעג פאר סוכות. נאך א פולער טאג פון הכנות אויף יום טוב, האב איך זיך געלייגט שלאפן ווען פלוצלונג קלינגט מיין טעלעפאן. עס איז שוין געווען זייער שפעט אויפדערנאכט, איך געב א קוק אויפ'ן טרייבל און איך זעה אז עס איז מיין טאטע.
איך האב גלייך אויפגעהויבן דער טעלעפאן און מיין טאטע דערציילט מיר אז אונטער זיין טיר דרייט זיך דא א שיכור, ער קלאפט אויפ'ן טיר, זיי האבן מורא אז אט אט גייט ער איינברעכן ביי זיי אין שטוב, ער בעט צי איך קען אריבערקומען צו אים אין שטוב.
איך האב זיי גלייך געזאגט אז איך קום שוין צו גיין. איך האב אנגעטון און זיך געגרייט ארויסצוגיין אבער א רגע פאר'ן ארויסגיין האב איך געשפירט ווי עס קומט צוגיין א שטארקער ריח פון פייער. איך האב אנגעהויבן זוכן פון וואו עס קומט און אט זעה איך אז עס קומט פון קאך.
מיט עטליכע שעה פריער האבן מיר ארויפגעלייגט א פולער טאפ מיט פיש אויפ'ן גאז אז עס זאל זיך קאכן אויף יום טוב, אבער מיר האבן עס פארגעסן צו פארלעשן. נאר א דאנק דעם טעלעפאן קאלל האב איך עס באמערקט און פארלאשן די פייער.
איך האב געטראכט צו מיר וויפיל איך האב פארדינט פון באדינען מיינע עלטערן. אויסער וואס מען האט אפגעראטעוועט די פיש אויף יום טוב, האב איך אפגעשטעלט די פייער באצייטנס. ווען איך שטעל עס נישט אפ באצייטענס ווער ווייסט וואס וואלט ווען געשען, אפשר וואלט זיך דער פייער צופלאמט אין א גרויסער פייער ח"ו.
ווען די פיש איז שוין געווען פארלאשן זענען מיר אריבער צום שטוב פון מיינע עלטערן. איך האב פארשיקט דער שיכור און אלעס האט זיך מסדר געווען על צד היותר טוב.

דו קוקסט ארויס אויף א ישועה! דו ווילסט זוכה זיין צו אמת'ע שמחת החיים, צו פרנסה טובה, צו שלום בית
בינד זיך אן צו די השגחה פרטית האטליניע און דאס וועט דיר צובינדן צו די מקור פון אלע כוחות אין די וועלט
**לייגט נאר צו אן אויער.** און ווער א חלק פון טויזנטער וואס האבן געמאכט
א טויש אין זייער לעבן! און לעבן היינט א בעסערע לעבן אדאנק דעם
**פארבינד זיך מיט: 02.30.11.300**
און זיי אויך זוכה צו לעבן א גוטער לעבן!
אמונה < שלוה < שמחת החיים
אמת'ע און ערשטהאנטיגע געשיכטעס
זיך אויפבויען אין חיזוק
שער הבטחון
א נאנטקייט מיט'ן בורא עולם
עצות און הדרכה בעניני אמונה

# צוהערער פרעגן
### שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

**מיר לעבן היינט אין א וועלט וואס איז פול מיט סגולות. כמעט אויף יעדער פראבלעם איז דא א סגולה. איך וואלט געוואלט וויסן צי דער עוסק זיין אין סגולות גרעניצט זיך מיט א ריבוי השתדלות? די שאלה איז נאך שטערקער ווען עס רעדט זיך פון סגולות וואס עס איז נישט זיכער אז זיי העלפן.**

שאלה נומער 53 — א' י' ס' מבני ברק

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים זיין דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## א סגולה מיט א ישועה

**הרב חיים שמואל ברונר פון ערד, הרב יואל צבי טאבאק פון אלעד, הרב גמליאל רבינוביץ פון בני ברק:** דער עוסק זיין אין סגולות איז נישט קיין נייער זאך. מען טרעפט עס שוין אין די גמרא [שבת דף סו] און אין תשובות הרשב"א ח"א סימן תי"ג און אין אסאך ערטער. די צוויי דערמאנטע מקורות זענען גענוג שטארק. פון זיי זעט מען אז עס איז נישט דא קיין שום פראבלעם מיט א סגולה און אויך נישט קיין ריבוי השתדלות אין מאכן סגולות. מען זעט נאכמער פון דעם אז אסאך מאל ווען עס ווערט פאר'ן מענטש באשערט א געוויסע זאך שיקט אים השי"ת אונטער א סגולה, עס זאל ממשיך זיין די ישועה. דער געדאנק טרעפן מיר אויך אין אור החיים הקי' פרשת וירא וואו מען רעדט ארום פון דער קינד ביי אברהם ושרה. דארטן זאגט ער אז די תפילה פון אבימלך איז מסוגל פאר עקרות, און אז השי"ת האט עס אים אונטערגעשיקט אז ער זאל געהאלפן ווערן פון דעם, ווייל ווען השי"ת וויל מיטיב זיין פאר א מענטש איז ער אים מזמין א מצוה וואס איז מסוגל פאר יענער זאך.

## עם סגולה

**הרב דוד לייפער פון ירושלים, הרב פנחס אליהו איישריק פון בית שמש, הרב שמעון שלעזינגר פון ביתר עילית, הרב יוסף דושינסקי פון חיפה:** כמעט אלע סגולות האבן הייליגע מקורות און ווער זענען מיר צי קענען מכריע זיין אויב עס איז גוט אדער נישט, אבער עס לאזט זיך זאגן אז דער עיקר חלק פון די שאלה דארף זיין אויף דער צוגאנג צו די סגולה. ווען א איד מאכט א סגולה קען ער עס מאכן צוליב די מעשה הטוב שבו אדער צוליב די ישועה. אז מען מאכט צוליב די מעשה הטוב איז זיכער אז עס איז א גוטער זאך און עס איז נישט דא דערביי די ריבוי השתדלות. דער עיקר וואס מען דארף געדענקען איז אז אויב די סגולה געלונגט נישט זאל מען נישט באדויערן די גוטע מעשים נאר זיך פרייען אז מען האט געהאט א זכיה צו מקיים זיין די גוטע מעשה.

**הרב דוד שטיין פון מודיעין עילית:** דער אהבת שלום פון קאסוב שרייבט אז ווען א מענטש באנוצט זיך מיט א סגולה ווייזט ער מיט דעם אז ער גלייבט און ער לעבט מיט די הרגשה אז נאר השי"ת קען אים העלפן, און ווי דער חזון איש פלעגט זאגן אז די ערשטע השתדלות און דער עיקר פון השתדלות דארף זיין תפילה.

**הרב משה קרישעבסקי פון ביתר עילית, הרב משה שלמה פון**

**ירושלים:** ווען עס רעדט זיך פון מקובל'דיגע סגולות ווי זאגן אמן יהא שמיה רבה בכוונה ובקול אדער פון שילוח הקן, אדער פון זאגן תהלים, איז זיכער אז ווי מער פון דעם איז אלץ בעסער.

**הרב אהרן אברהם פון בני ברק:** איך האב מקבל געווען פון אן אדם גדול אז ווען א מענטש גייט זיך באנוצן מיט א סגולה דארף ער האבן דערפאר צוויי תנאים. איינס אז די סגולה זאל האבן א פריערדיגע מקור, די צווייטע זאך איז די סגולה זאל אנקומען גרינג.

## אין סגולה כתורה

**הרב פרץ יהודה כץ ממודיעין עילית, הרב אריה פערמד מנוף הגליל:** ווען עס קומט צו סגולות דארף מען זיין געווארנט. חז"ל זאגן אונז [ברכות ה.] אז א מענטש זעט אז ער האט יסורים זאל ער מפשפש זיין במעשיו. צומאל שיקט מען פאר א איד אין הימל א ווייטאג אז ער זאל נתעורר ווערן צו א געוויסער זאך אבער אנשטאט ער זאל נעמען די יסורים אן זיך לערנען פון דעם, לייגט ער זיינע כוחות אין סגולות, וואס שעפן אויס זיינע כוחות און ער דערלייגט דעם לימוד וואס מען וויל ער זאל זיך לערנען אין הימל.

**הרב יהושע לעווי מירושלים:** אויף די שאלה קען מען זאגן דער באקאנטער פתגם 'אין סגולה כתורה'. מען זוכט זייטיגע סגולות אבער די בעסטע סגולה איז זיך מתחזק זיין מיט תורה און תפלה און ברכות אין בטחון בשמו יתברך. די זאכן זענען ממשיך אויפ'ן מענטש די גרעסטע שפע.

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** מיר האבן א סגולה וואס איז בדוק ומנוסה. אז א איד פארלאזט זיך אויפ'ן באשעפער און לעבט מיט דעם און זוכט כסדר צו פארמערן אמונה און בטחון אין זיין טאג טעגליכער לעבן און דאנקט און לויבט השי"ת, ווערן זיינע דינים נהפך לרחמים. ווען מען לאזט אפ די סגולה וועט קיין שום זאך אין די וועלט נישט העלפן פאר'ן מענטש...

## א שאלה פאר גליון 104

זייער אסאך מאל טרעפט זיך א מענטש פארמעסטן אין א שוועריגקייט און עס ליגט פאר אים צוויי ברירות. ער קען משלים זיין מיט דעם און אויסזוכן די גוטע חלקים פון די יסורים, אדער קען ער זוכן א לעזונג דערצו. וואס דארף ער טון? למשל איינער ארבעט ערגעץ אין א פלאץ און ער ליידט זיך צוזאם ביי די ארבעט. צי זאל ער מקבל זיין די יסורים באהבה און זאגן אז דאס איז דער רצון השם, אדער זאל ער זיך גיין זוכן א נייער ארבעט?

נ.ד. ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת וישלח. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

# מכניסין את האדם לעולם - האלט פון זיך און הייב אן צו לעבן!

אז מען פרעגט א מענטש וועלכער זאך איז אים מוציא מן העולם און לאזט אים נישט אנקומען צו זיין שלימות, וועט ער דערמאנען דער מאמר חז"ל, הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם.

מיר זענען איבערגעצייגט אז מיט דעם באזיגט ער דער מענטש, אבער דער אמת איז אז דער יצר הרע איז א כיטערער בחור, ער ווייסט אז ער האט א גרינגערע און בעסערע וועג, ווי אזוי ער קען אונז צוגרונד לייגן.

אויב וועט ער צוברענגען אז דער מענטש זאל זיך אליין אראפקוקן און נישט גלייבן אין זיינע יכולת, האט ער דער'פטר'ט דעם מענטש, ער דארף מער גארנישט, די נפילה קומט שוין פון זיך אליין.

און ווייל מיר ווילן נישט ארייינפאלן אין זיינע לאפעס, דארפן מיר זיין קלוגער ווי אים. די ערשטע זאך וואס מיר דארפן טון איז צו זיין א חסיד פון זיך אליין, זיך צו שעצן, צו האלטן פון זיך, צו גלייבן אין אונזערע כוחות און פון דארט און ווייטער וועט שוין די ארבעט גיין פון זיך אליין.

איינער האט זיך באקלאגט פאר מיר אז ער געבט זיך נישט קיין עצה מיט קנאה, ער האט געוואלט אז איך זאל געבן אן עצה. איך האב אים געזאגט אז איך האב נישט קיין עצה פאר אים קעגן קנאה, מיין עצה קעגן קנאה איז אז ער זאל חזר'ן ביי זיך אז 'שלך גדולה משלהם'.

דו האסט מער ווי יענער! דו ביסט רייכער פון יענעם!

ווען דו ווייסט דאס, וועסטו שוין מער נישט מקנא זיין יענעם.

אויסער וואס מען דערלייגט אזויפיל אז מען קוקט זיך אליין אראפ, איז וויכטיג אז מען זאל וויסן אז א לעבן פון זיך אראפקוקן און טראכטן שלעכטס אויף זיך, איז מונע די שפע פאר'ן מענטש. אז א מענטש האט א געשעפט און עס גייט נישט מורא'דיג גוט, אבער ער האט צו לעבן, דארף ער זיך פרייען מיט וואס ער האט, די קלאגעריי איז מצמצם די שפע.

דער מענטש האט זיך ליב צו באקלאגן. ווען מען וועט אים פרעגן פארוואס קלאגסטו אזויפיל? וועט ער אייביג האבן א תירוץ אז דאס און דאס שטערט אים, דער מענטש וועט קיינמאל נישט מודה זיין אז די קלאגעריי האט נישט צו טון מיט איין געוויסער זאך, עס איז א נאטור. די גרעסטע ראיה דערצו איז אז ווען די סארט מענטשן האבן שוין וואס זיי ווילן, טרעפן זיי אויס נייע זאכן וואס עס פעלט זיי, ווייל זייער פעלער איז נישט א טעכנישער, עס איז אן אינערליכער פעלער.

נאר אז מען וועט מאכן א טויש אין קאפ, אז מען וועט אנהייבן ארייינלייגן כח און מח צו זיין א שמח בחלקו, וועט מען ווערן א צופרידענער מענטש.

דאס איז גענוי וואס דער יצר הרע האט ליב און ער גלייכט. די בעסטע זאך וואס עס קען זיין פאר אים איז אז דער מענטש זאל זיין אנגעגעסן אין זיך אליין, אז ער זאל זיין פאר'דאגה'עט און טָרוּד, ער זאל זיך שפירן דערנידערט און עס איז אונזער פליכט אנצוקומען צו די פארקערטע.

דער צער און די דאגה מיט די טירדות מאכט קאליע דער לעבן פון א מענטש. עס איז מוציא את האדם מן העולם און אז מען וויל צוריק אריינקומען אין די וועלט און לעבן א גוט לעבן ברוחניות ובגשמיות, זאל מען זיך דערווייטערן פון דעם און אזוי ארום וועט מען פטור ווערן פון די קנאה תאוה וכבוד און ממשיך זיין אויף זיך שפע רב.

מיט א צייט צוריק האט זיך א איד פון שיקאגא געווענדן צו מיר. דער איד איז געווען זייער פארביטערט.

"איך ארבעט שוין פאר לאנגע יארן אויף איין פלאץ. פון דעם ציה איך חיונה. לעצטער וואך לאזט מיר דער בעל הבית רופן. ער זאגט מיר אז ער האט זיך איבערגעטראכט און ער האט מחליט געווען אז איך פעל אים שוין נישט אויס, ער דארף מיר נישט האבן, איך בין אים איבריג".

"וואס טוה איך"? האט דער איד געוואלט וויסן.

איך האב אים געזאגט אז ער זאל נעמען א פאפיר מיט א פענע און ארויפשרייבן אויף איר ווי אזוי דער בעל הבית ווענדט זיך צו אים נאכאמאל און בעט אים מחילה און פארבעט אים ער זאל יא בלייבן ביי די ארבעט, ווייל ער דארף אים האבן.

דער איד האט אזוי געטון און עס טאקע אזוי געווען.

איך קען א יונגערמאן וואס בדרך הטבע האט אויסגעזען ווי ער קען נישט חתונה האבן. ער האט איינמאל חתונה געהאט און זיך גלייך געג'גט, עס האט אויסגעזען ווי דאס איז עס.

עס איז אריבער א שטיק צייט און איך טרעף דער איד און ער דערציילט מיר אז ער האט חתונה געהאט, אז אלעס איז מיט אים אין ארדענונג. איך האב אים געבעטן ער זאל מיר דערציילן ווי אזוי ער האט עס באוויזן? זאגט ער מיר אז ער האט באשלאסן אז אנשטאט ער זאל טראכטן אויף זיך שלעכטס גייט ער אנהייבן טראכטן אויף זיך אליין גוטס.

ער האט אזוי געטון און צוויי וואכן שפעטער איז ער געווארן א חתן. דאס איז די כח פון מחשבה. טראכט גוט וועט זיין גוט און צו דעם קומט מען אן דורך וואס מען האט אמת'ע בטחון אין השי"ת.

ווי האט דער אלטער פון נאוואהרדאק געזאגט: מיט בטחון קען מען זיכער פועל'ן.

די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

## מצד די באקומער

אונזער טאכטער ווארט שוין אויף א שידוך צען יאר. עס איז אסאך צייט און מיר גייען אדורך אסאך שווערע צייטן. אין אנהייב זענען מיר געווען זייער נערוועז און דערביטערט פון דעם אבער איין טאג האבן מיר זוכה געווען צו אנטדעקן דער אור פון די אמונה. פון דעמאלטס אן האט זיך אונזער לעבן געטוישט אין א דראסטישער וועג. מיר ווייסן און גלייבן אז אלעס איז לטובה, אז אלעס איז לויטער חסד ורחמים, אפילו אז מיר ווייסן נישט ווי אזוי און מיר פארשטייען נישט די חשבונות השמים. היינט קענען מיר נישט צוריקטראכטן וואו וואלטן מיר געווען ווען נישט די אמונה. איר זענט א מתנה פון הימל אז מיר זאלן קענען אריבערגיין אונזערע נסיונות אין א גרינגער וועג.

## מצד די געבער

איך האב ארויסגעלייגט צו פארקויפן מיין דירה מיט צוויי יאר צוריק אבער דערווייל האט זיך נאך קיין איינער נישט אנגערופן אז ער וויל עס קויפן. מיט א שטיק צייט צוריק האב איך צוגעזאגט א סומע געלט פאר די מכון, און צוויי טעג דערויף האט איינער מיר אנגעקלינגען אז ער וויל קומען זען די דירה, און יענער האט עס למעשה געקויפט.


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |

**טייערע לייענער**

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה